כענקין איז ניט קיין אַקוואַרעל־מאָלער, ער זוכט ניט קיין האַלבע טענער פון שטימונגען. ער צייכנט מיט אַ ברייטער האַנט, מיט אויל־פאַרבן. ער נעמט און גיט אַפּ אַלץ, וואָס ער האָט אַפּגעשפּאַרט. דערין באַשייט די זאַפטיקייט און רייכקייט פון זיין שפּילן.

וולאַדימיר יאַקאָוולעוויטש איז סיי אַן אַקטיאָר, סיי אַן אויסגעצייכנטער בירגער. דאָס געפיל פון סאָוויעטישן פּאַטריאָטיזם דעפינירט אַלץ אי אין זיין געזעלשאַפטלעכן, אי אין זיין שעפערישן לעבן. זיין געלעכטער איז אַ געווער אין אונדזער געמיינזאַמען קאַמף קעגן פיליסטעריזם, אין דעם קאַמף פאַר מאָראַלישער זויבערקייט און פאַרן גייסטיקן געזונט פון די סאָוויעטישע מענטשן".

„טעאַטער ענציקלאָפּעדיע" [אין רוסיש], מאָסקווע, פינפטער באַנד, 1967, זז. 601־602.

אפרים קאַגאַנאָווסקי — וויקטאָר כענקין, „ליטבל", וואַרשע, נ' 36, 1926.

הענעך קאָן — וויקטאָר כענקין, דאָרט, נ' 23, 1931.

מאָררים מייער — „יידיש טעאַטער אין לאָנדאָן", לאָנדאָן, 1942, ז. 333.

שלוימע מיכאָעלס — „אַרטיקלען, שמועסן, רעדעס", בוענאָס איירעס, 1961, זז. 209־210.

## קאַפּלער־לעמקאָוו [יעקב?]

זיין ערשטער נאָמען זאָל זיין יעקב. לויט בערנאַרד פישמאַן איז ער געבוירן אין בוקאַרעסט, רומעניע. לויט יחיאל לאַנדוי איז ער געבוירן אין ענגלאַנד, נאָר די עלטערן האָבן זיך איבערגעטראָגן מיט אים קיין רומעניע, ווו ער האָט באַקומען זיין דערציונג. ער האָט גוט גערעדט **רוסיש**.

אויף דער יידישער בינע האָט ער זיך גערופן קאַפּלער, אָבער אויף דער ענגלישער — לויט פערדינאַנד שטויב — איוואַן לעמקאָוו. לויט ב. פישמאַן האָט ער זיך אויף דער ענגלישער בינע גערופן דזשעק ריינהאָלץ און פלעגט שפּילן אינטריגאַנטן־ראָלן.

ק. האָט חתונה געהאַט מיט אַ קריסטין, די טאָכטער פון אַ טעאַטער־דירעקטאָר, און ווי יאָסל טשיזשיק גיט איבער, פלעגט ער ממש בעטלען צווישן די קריסטלעכע אַקטיאָרן. ער איז פולשטענדיק בלינד געוואָרן און געשטאָרבן אין מאַנטשעסטער, ענגלאַנד.

מ. ע. פון פערדינאַנד שטויב, יחיאל לאַנדוי, יאָסל טשיזשיק און בערנאַרד פישמאַן.

## קאַפּעלמאַן, יאָסעף

געבוירן 1893 אין וואַרשע, פּוילן. פאָטער — אַ סטאָליאַר. באַקומען אַ טראַדיציאָנעלע דערציונג, שפּעטער, אין דער היים, אַלס אויטאָדידאַקט, אַלגעמיינע בילדונג.

אין עלטער פון 12 יאָר זיך באַטייליקט צוזאַמען מיט די ברידער אַדאָלף און הערמאַן פעניגשטיין, אין אַ קינדער־קאָלעקטיוו א״ר פון מאַרק מייערסאָן, דעביוטירנדיק אַלס „שדכן" אין „הערצעלע מיוחס". אין 1910 — פּראָפעסיאָנעל גענומען שפּילן אין ראַפּעלס טרופּע אין „עליזעום", פריער אַלס „דער נאַרישער חתן" אין „דער יחסן", דערנאָך „שמואל גאָלצעס" און „די יידישע נשמה" און די ראָל פון פאָטער אין „די גאָלדענע חתונה". 1912 — מיטגעפאָרן מיט ראַפּעלס טרופּע קיין אַדעס, ווו ער שפּילט „דעם פאַרמער" אין „די אַמעריקאַנערין", דעם „קעניג" אין „פאַר 400 יאָר", „אַל־וואַרעז" אין „שבת קודש" און „איציקל" אין „די געצוווּנגענע חתונה". צוליב פריזיוו אַריבער אין 1914 קיין פינסק אין שוואַרצבאַרדס טרופּע און אַ קורצע צייט שפּעטער אָרגאַניזירט ק. אַ



חברים־טרופּע מיטן אָנטייל פון משה זילבערקאַסטן און שרה פיביך, וואָס פאַראייניקט זיך דערנאָך מיטן קאָלעקטיוו א. א. פון שטאָקמייער און מיאַדאָווניק, וועלכע מאַכט אַ טורנעע איבער די שטעט פון אוראַל און סיביר.

אין דער פעברואַר־רעוואָלוציע ווערט ק. פאַרבעטן קיין כאַרקאָוו צו ליפּאָווסקין, אָבער אויפן וועג באַגעגנט ער די חברים־טרופּע מיט מנחם רובין און מישע אַפּעלבוים אין דער שפּיץ און טרעט דאָרט אַריין. נאָך דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע ווערט ק. פאַרבעטן אין דער טרופּע אונטער דער דירעקציע פון סעגאַל־ליכטמאַן קיין פינסק און שפּילט דאָרט א״ר פון אַברהם טייטלבוים די ראָל „מאַקס" אין „פּראָוואָקאַטאָר" און „אוריאל מויק" אין „גאָט, מענטש און טייוול". ווערנדיק אַרויסגעטריבן פון מינסק, אָרגאַניזירט ק. אַ חברים־טרופּע מיט וועלכער ער פאָרט אַרום איבער אוקראַיִנע.

ווען דעניקינס ווייסע גוואַרדיע פאַרכאַפּט יעקאַטערינאָסלאָוו, פאָרט ק. מיטן קאָלעקטיוו קיין גרוזיע, ווו זיי שפּילן אין די גרעסערע צענטערס, אָבער אַ יאָר שפּעטער קערט ער זיך צוריק קיין אוקראַיִנע.

אין 1923 אָרגאַניזירט דאָרט ק. אַ נייעם קאָלעקטיוו א״נ פון אסתר־רחל קאַמינסקאַ און שפּילט די הויפּטראָלן אין די פּיעסן: „טוביה דער מילכיקער", „מאָטקע גנב", „די רויבער", „קרייצער סאָנאַטאַ", „סאַפאָ", „דער פרעמדער".

אין 1929 טרעט ק. אַריין אין ערשטן יידישן באַוועגלעכן מלוכה טעאַטער פון אוקראַיִנע און אין 1932 איז ער איינער פון די טיכטיקסטע גרינדער פון יידישן מלוכה־טעאַטער אין באַקו. אין 1939 גייט ק. איבער אין אָדעסער יידישן מלוכה־טעאַטער. אין 1941, בעת דער סאָוויעטיש־נאַציסער מלחמה גייט ק. צייטווייליק איבער צו דער רוסישער בינע, אָבער נאָך דער מלחמה טרעט ער אַריין אין קיעווער יידישן מלוכה־טעאַטער א״נ פון שלום־עליכם.

ש. ע. פון יהושע ליובאָמירסקי.

## קאַפּעלמאַן, סאָניע [יאָפּע]

געבוירן 1903 אין טשערקאַס, קיעווער גוב., אוקראַיִנע.

פאָטער — אַן אַרבעטער. אין 1910 אַריבער מיט דער פאַמיליע קיין יעקאַטערינאָסלאָוו, ווו זי האָט באַקומען איר אויסבילדונג. אין 1916 אַריין אַרבעטן אין אַ קאַרטאָן־פאַבריק און גלייכצייטיק באַזוכט אָוונט־קורסן. אין 1918 געוואָרן אַ מיטגליד אין אַן אָרטיקן יידישן דראַמקרייז, ווו זי ווערט באַלד זייער אַקטיוו. אין 1920 אַריינגעטראָטן אין אַ פּראָפעסיאָנעלן יידישן טעאַטער־קאָלעקטיוו מיט וועלכן זי איז געפאָרן קיין באַקו, ווו זי שפּילט צוויי יאָר און פאָרט דערנאָך מיט דעם קאָלעקטיוו קיין מאָסקווע, ווו זי שפּילט ביז 1923.

ביז 1929 איז ק. טעטיק אין אַ יידישן באַוועגלעכן טעאַטער־קאָלעקטיוו אויפן נאָמען פון אסתר־רחל קאַמינסקאַ און צום סוף יאָר ווערט זי אַריינגענומען אין ערשטן יידישן באַוועגלעכן מלוכה־טעאַטער פון אוקראַיִנע, ווו זי שפּילט ביז 1932. אין 1933 שליסט זי זיך אָן אין אָרגאַניזירן אַ יידיש אַרבעטער־טעאַטער אין באַקו, ווו זי שפּילט 7 יאָר. דאָ ווערט זי די פירנדיקע אַקטריסע אין דעם אַנסאַמבל, און פאַרקערפּערט די סאַמע פאַראַנטוואָרטלעכע ראָלן, צווישן אַנדערע „לאורענסיע" אין לאָפּע דע וועגאַס „שעפּסנקוואַל", „יהודית" אין „אוריאל אַקאָסטאַ", „אַמאַליע" (שילערס